# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בהר תשפ"ד שנה י | גליון מס' 534

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די שביתה דארף זיין לשם ה'

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה'"** (כה ב)

רש"י אויפ'ן ארט געט צו פארשטיין אז די ווערטער "שבת לה'" מיינט "לשם ה'". ער צייכנט אן אז די ווערטער איז געזאגט געווארן לגבי די מצוה פון שבת (שמות כ י).

דער בעסערמינער רב הגאון רבי יעקב יוסף גינז זצ"ל זאגט אז וועגן דעם האט די תוה"ק אנגעזאגט ביי די צוויי מצות אז מען זאל עס מקיים זיין לשם שמים, ווייל ביי די מצות איז אויך דא א חשש, אז מען זאל עס טון שלא לשמה, ווייל די רוה טאג וועלכע קומט נאך א וואך ארבעט איז אויך א גשמיות'דיגער געברויך, אבער אפילו אז עס איז וויכטיג אויך בגשמיות זאגט אונז די תוה"ק אן אז מען זאל עס טון נאר "לשם ה'".

די נקודה האט זיך שטארק דערקענט במשך אלע דורות. דער איד האט זיך מוסר נפש געוועזן פאר שמירת שבת. דאגעגן דער גוי' אפילו אז ער האט געהאלטן דעם רוה טאג טייער האט ער קיין מסירות נפש נישט געהאט פאר דיר.

דער געדאנק איז מרומז אין די תפילה פון שבת: "יכירו בניך וידעו כי מאתך היא מנוחתם, ועל מנוחתם יקדישו את שמך"; מען דארף געדענקען אז די מנוחה פון שבת איז "מאתך היא" - צוליב די מצוה און נישט צו זעטיגן די גשמיות'דיגע געברויך, ווייל אויב עס וואלט ווען געוועזן בלויז א גשמיות'דיגע געברויך וואלט נישט געוועזן דער "על מנוחתם יקדישו את שמך" - מען וואלט נישט געהאט מסירות נפש אויף איר.

אויך ביי שביתת הארץ איז דא די זעלבע זאך. די פעלד ארבעטער וועלן לאזן די פעלד רוען פון צייט צו צייט ווייל עס מאכט בעסער די ערד און אויסצושליסן אז נישט דאס איז די כוונה זאגט די תוה"ק אז עס זאל "ושבתה הארץ **שבת לה'**" - און נישט פאר די ערדישע געברויך.

'הרי בשמים'

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## 'אמן' מיט מסירות נפש

די וואך מוצאי שבת הייבט זיך אן דער הייליגער און לעכטיגער טאג "לג בעומר" דער יומא דהילולא פון דער תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי זי"ע.

אז מען בליקט אריין אין דער ספר הזוהר הק' זעט מען אז זי איז פול מיט מאמרים וואס רעדן איבער די גרויסקייט און די הייליגקייט פון ענטפערן אמן און איבער די כח פון א ברכה וואס ווערט גענטפערט פון אן אמן.

מען קען אראפברענגען דא אן א צאל שטיקלעך אבער אויב מען זוכט א שפיץ שטיקל איז עס אן קיין צווייפל די ספעציעלער סיפור וואס ווערט געברענגט אין זוה"ק פרשת תרומה [קסו א]:

דער זוה"ק דערציילט דארט רבי חייא און רבי יוסי האבן זיך אמאל געטראפן ביי א מלון און גענעכטיגט אין איר. ווען עס איז געווארן חצות הלילה זענען זיי ביידע אויפגעשטאנען צו לערנען תורה. האלטנדיג אינמיטן לערנען האבן זיי געזען ווי זייער גאסטגעבער און זיין טאכטער וויינען. האט זיך רבי יוסי געווענדן צום בעל האכסניא און אים געפרעגט פארוואס זיי וויינען, צי דען האט דיין טאכטער נישט זוכה געווען צו א מאן א תלמיד חכם.

זיי האבן באשטעטיגט די שאלה און דער פאטער האט דערציילט די מעשה: אין א טאג האב איך געזען א יונגער בחור אראפטאנצן פון א שפיץ דאך צו קענען ענטפערן אמן. זעענדיג אז א בחור איז גרייט צו טון אזא זאך בין איך געווען זיכער אז ער איז א תלמיד חכם און אים גענומען פאר מיין איידעם. די פארפאלק האט חתונה געהאט, אבער עס שטעלט זיך ארויס אז דער בחור איז בכלל נישט וואס כ'האב געמיינט, ער קען נישט קיין לערנען, אפילו קריאת שמע און ברכת המזון קען ער נישט זאגן.

עס איז אדורך א שטיק צייט און דער בחור איז אגעקומען אויפ'ן ארט. ווען די חכמים האבן אים געזען האבן זיי איינגעזען אז דער איד האט זיך בכלל נישט טועה געווען. דער יונגערמאן איז געווען דער זון פון רב ספרא, ער איז געווען א גדול בתורה, אבער ער האט עס באהאלטן.

די מעשה האט אין זיך א שטארקע מוסר השכל. עס לערנט אויס דער מענטש ווי גרויס איז די מצוה פון עניית אמן און ווי שטארק א איד דארף זיך מוסר נפש זיין פאר איר. די מעשה איז ווארשיינליך אויך דער מקור פון די ווערטער פון דער בעל ה'דרך משה [יום יא] וועלכער שרייבט הלכה למעשה, אז יעדער איד זאל זיך מוסר נפש זיין אויף אן אמן צולייגענדיג אז אמן אליין איז ראשי תיבות 'אני מוסר נפשי', א רמז אז מען דארף זיך מוסר נפש זיין פאר'ן אמן.

די מעשה לערנט אונז אויך ארויס אז עס איז דא א דירעקטע קשר צווישן דער אמן און די גדלות בתורה, ווייל דער איד האט נאר געוואוסט איבער די גדלות בתורה, דורך דעם וואס ער האט גענטפערט אמן.

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין די בקשה וואס מיר בעטן ביי ברכת התורה "ונהיה אנחנו וצאצאינו כולנו **יודעי שמך** ולומדי תורתך לשמה"; ווייל דער "יודעי שמך" איז מרמז אויף אמן וועלכער איז נועד מגדיל צו זיין דער שם ה' און אמן איז אויך די גימטריא פון די שמות הקודש, הוי"ה ואדנות און דאס איז דער סוד פון איר מעלה.

א איד וואס שטייט אויף פרי און פעדערט צוקומען אין שול אריין צו קענען זאגן 'אמן' איז ווי ער איז זיך מוסר נפש פאר'ן אמן און עס איז זיכער אז עס ווערט מקויים ביי אים וואס עס שטייט אין פסוק: "ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה".

מיט א קריאה פון "אני מוסר נפשי",
**שבת שלום ומבורך!**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די כח פון א קבלה טובה —

**די פאלגענדע מעשה האט דערציילט הרב אשר קובלסקי שליט"א דער בעל 'פניני פרשת השבוע' און צוגעצייכענט**

> **אלע מנינים האבן זיך שוין געשטעלט. איינער האט שוין געהאלטן ביי שמונה עשרה, א צווייטער ביי קדיש. ר' משה האט זיך געוואלט מיטכאפן אבער דאן האט ער זיך דערמאנט פון זיין קבלה. מיט א שטיק צייט צוריק האט ער מקבל געווען אויף זיך אז א מנחה הייבט זיך אן ביי קרבנות, ווארט ביי ווארט, נישט אינמיטן און ביים אנהייב פון אינמיטן, נאר ביים אנהייב.**



די בארג ארויף קיין מירון

**אז די מעשה האט ער געהערט ערשטהאנטיג פון דער בעל המעשה:**

עס איז געווען אין איינער פון די יארן ווען דער יום טוב ל"ג בעומר איז געווען בשלימות ווען ר' משה, א יונגערמאן וואס וואוינט אין איינס פון די צענטראלע שטעט אין ארץ ישראל, האט זיך געגרייט צופארן קיין מירון, מיטצוהאלטן די הייליגע געהויבענע הילולא אין מירון.

אין די לופטן האט זיך געשפירט די לויטערע לופט פון דעם גרויסן טאג, איבעראל האט מען זיך געגרייט אויף די הדלקה'ס.

א מסודר'דיגער יונגערמאן איז ר' משה געווען. וועלנדיג זיין פארזיכערט מיט זיין רייזע קיין מירון האט ער נאך פון פריער באשטעלט א באשטימטע צייט ווען ער גייט רייזן אויף מירון. ביי די באס פירמע האט מען געקענט קויפן א צייט און ער האט זיך געגרייט צופארן מיט זיי.

נאנט צו די שעה ווען ער האט זיך געדארפט ארויסלאזן אויפ'ן וועג איז ער אריבער אין די לאקאלע שטיבלעך און זיך געגרייט צו דאווענען א ווארעמע מנחה. זוכנדיג נאך א מנין וואס שטעלט זיך יעצט האט ער נישט געקענט טרעפן אזא איינער.

אלע מנינים האבן זיך שוין געשטעלט. איינער האט שוין געהאלטן ביי שמונה עשרה, א צווייטער ביי קדיש. ר' משה האט זיך געוואלט מיטכאפן אבער דאן האט ער זיך דערמאנט פון זיין קבלה. מיט א שטיק צייט צוריק האט ער מקבל געווען אויף זיך אז א מנחה הייבט זיך אן ביי קרבנות, ווארט ביי ווארט, נישט אינמיטן און ביים אנהייב פון אינמיטן, נאר ביים אנהייב.

נארמאל וואלט ער נישט געהאט קיין שוועריגקייט מיט דעם אבער די זייגער האט זיך געדרוקט, זיין צייט קומט אן, מען וועט נישט ווארטן אויף אים. אז ער וועט דערלייגן זיין צייט - וועט ער דארפן קויפן א נייער טיקעט.

אן אויסגערעכנטער יונגערמאן איז ער. קיין איבריגע געלטער האט ער נישט און א נייע טיקעט וועט אים קאסטן א שיינע סומע.

אסאך תירוצים נאכצוגעבן דעם יצר הרע האט ער געהאט אבער ענדע האט זיך געשטארקט, א קבלה איז א קבלה! ער בלייבט מיט דעם ביז צום סוף.

איינמאל די החלטה איז געמאכט פארגעסט ער פון אלעס, ער שטעלט זיך דאווענען און דאווענט מיט א רואיגקייט, ווארט ביי ווארט. נאר ווען ער ענדיגט דאווענען גייט ער אריבער צו די באס סטאנציע. דארט ווערט באשטעטיגט אז זיין באס איז שוין אויפ'ן וועג, מיט א גאנצקייט קויפט ער זיך איין א נייע קארטעל, עס קאסט טאקע א פרייז, אבער ער פריידט זיך, עס באדערט אים נישט, ער איז צופרידן אז ער האט געקענט עומד זיין אין זיין קבלה.

מיט די פרישע קארטעל זעצט ער זיך אוועק אויפ'ן באס. נעבן אים זעצט זיך אוועק א איד, פון זיין אויסזען זעט מען קלאר אז דער איד איז אן אויסלענדער. צווישן די ביידע קניפט זיך אן שמועס, עס שטעלט זיך ארויס אז דער איד איז א רייכער איד, וואס קומט אהער פון אויסלאנד.

די שמועס ווערט טיפער. מען באפריינדעט זיך. דער אויסלענדער זעט אז ר' משה איז א חשובער יונגערמאן און נאך א לענגערער שמועס פרעגט ער דעם איד צי ער וויל מאכן מיט אים א געשעפט.

"איך בין נישט קיין ביזנעסמאן. איך בין א כולל יונגערמאן". רופט זיך ר' משה אן.

"נו, פון דעם רעד איך, איך וויל מאכן א יששכר זבולון געשעפט. איך וועל דיר געבן יעדער חודש א סומע געלט און דו וועסט בלייבן ביים לערנען".

ביז ווען זיי קומען אן קיין מירון איז דער געשעפט א געשלאסענער. מען באשטימט א צייט ווען מען גייט חתמ'נען די געשעפט, דער איד גייט אויסהאלטן ר' משה.

נאר שפעטער אנקומענדיג קיין מירון האט ר' משה געכאפט וואס עס האט דא פאסירט מיט אים אז נאר אדאנק וואס ער איז אזוי שטארק געשטאנען אויף זיין קבלה האט ער זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען און זיך אייגעהאנדלט א גוט געשעפט אויף די וועלט - אויסער די גוט געשעפט וואס ער גייט מאכן בעולם הבא.

שוין צוויי יאר איז פארביי פון די יעניגע געשיכטע און די געשעפט איז נאך קיים און אלעס איז אדאנק די קבלה טובה וואס ער האט אזוי ערליך אייגעהאלטן און זיך נישט נאכגעלאזט פון די אומשטענדן.

# דרך אמונים

## פניני הלכה פון די וואכנעדיגע פרשה

## א ברכה אויף ספירת היובל

**"וְסָפַרְתָּ לְךָ שֶׁבַע שַׁבְּתֹת שָׁנִים שֶׁבַע שָׁנִים שֶׁבַע פְּעָמִים וְהָיוּ לְךָ יְמֵי שֶׁבַע שַׁבְּתֹת הַשָּׁנִים תֵּשַׁע וְאַרְבָּעִים שָׁנָה"** (כה ח)

פון דער פסוק לערנט מען ארויס אז ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען א מצוה צו ציילן מיט'ן מויל די ניין און פערציג יאר ביז די יאר פון יובל, געווי אזוי ווי מיר ציילן ספירות העומר יעדן טאג פון פסח ביז שבועות. (רמב"ם שמיטה ויובל י א).

דער 'חזקוני' שרייבט אז אפילו דער ציילן פון די מנין שנות היובל איז א מצות עשה האבן די חכמי הבית דין וואס זענען געווען ממונה צו ציילן נישט געמאכט קיין ברכה איידער זיי האבן די מנין השנים. די סיבה דערצו ווייל נאר אויף א מצוה וואס יעדער איז מחוייב מיט איר מאכט מען א ברכה, אבער א מצוה וואס ליגט נאר אויפ'ן בית דין מאכט מען נישט קיין ברכה.

דער **ראב"ד** איז חולק און האלט אז מען מאכט יא א ברכה אויף די מצוה. זיין לשון איז: "ומברכים על זאת הספירה בראשי השנים, כדרך שאנו מברכים על ספירת העומר בתחילת הלילה. וכך היו אומרים בשמיטה ראשונה: 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וצוונו על ספירת שני השמיטה'. אי נמי: 'על ספירת שני היובל'".

אין ספר **'ערוך השלחן העתיד'** שרייבט ער אז ביז די ערשטע שמיטה האט מען געמאכט א ברכה: "על ספירת השמיטה". נאך די ערשטע שמיטה איז די ברכה געווען: "על ספירת השמיטה והיובל".

'ספר המצוות' לרמב"ם עשה קמ; ביאור הראב"ד לתורת כהנים בהר ב ב; 'חזקוני'; 'ערוך השלחן העתיד' זרעים ל ז

# תענה אמונים

## געקליבענע פנינים אויפ'ן סדר התפילה

### דער כח פון דעם גרויסן טאג

**שִׁירוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ בַּשְּׂרוּ מִיּוֹם אֶל יוֹם יְשׁוּעָתוֹ**

דער 'רוקח' איז מפרש דער פסוק "בשרו מיום אל יום ישועתו" אז עס גייט ארויף אויף די חיוב פון סיפור יציאת מצרים פסח ביינאכט. ער טייטש עס אויס אזוי: "**בשרו מיום**" אנגעהויבן פון גאולת מצרים און ווייטער ביז "**אל יום**" ט"ו ניסן יעדע יאר דערציילסט די "**ישועתו**" - די סיפור הגאולה וואס כלל ישראל האט געהאט, אז די טאג זאל זיין דער באשטימטער טאג ווען מען זאל אין איר דערציילן די ניסים פון יציאת ווי דער פסוק זאגט (שמות יג ג): "זכור את היום הזה אשר יצאתם ממצרים מבית עבדים" ('פירושי סידור התפילה לרוקח' ח"א עמ' נד).

אן אנדערע מהלך זאגט דער הייליגער 'ייטב לב'. ער בויט זיך אויף די ווערטער פון דער ר"ן ('דרשות הר"ן' הדרוש השמיני) אז אין א טאג ווען עס געשעט א נס פאר א איד האט דער טאג א כח מעורר צו זיין אז עס זאל געשען אנדערע ניסים פאר אידן אין דעם טאג. מיט די בחינה טייטש ער אויס: "**מיום**" פון דעם טאג וואס עס איז געווען די ישועה פאר אידן ווערט נמשך "**אל יום**" צו דעם טאג מידי שנה בשנה צו פועל'ן אין איר נכאמאל "**ישועתו**" - די ישועה וואס עס איז געשען מיט'ן איד יענעם טאג. ('ייטב פנים' ח"ב זמן מתן תורתנו אות לח).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די חשובע מערכת 'וכל מאמינים'
שלום וברכה

איך וויל אנהייבן מיינע ווערטער מיט א דאנק פאר אייערע טייערע און הייליגע פעולות וואס איר טוט למען הכלל און בפרט פאר'ן אריינברענגען די מנהג, אז מען זאל זאגן די ברכת השחר טעגליך בחברותא.

איך קען זאגן אז אייערע פעולות האבן געמאכט א מהפיכה אין דעם נושא מקצה אל הקצה. פארצייטנס האט מען געקענט טרעפן איינער אדער צוויי וואס פירן זיך אזוי, אבער היינט איז עס אן אנגענומענער זאך, אין יעדע שול זאגט מען ברכות בחברותא.

ווער רעדט נאך פון די שולן וואו עס איז דא א גבאי? דארט איז זיכער אז די מצב איז אסאך בעסער און חשובע'ר און אלע זאגן אינאיינעם ברכת השחר מיט א ברכה.

די גמרא אין מסכת ברכות (ו ב) ברענגט אראפ די ווערטער פון רבי יוחנן: "בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה - מיד הוא כועס, שנאמר (ישעיהו נ ב): 'מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה'".

עס איז ידוע די שאלה אז אין פסוק שטייט "מדוע באתי **ואין איש**" און עס איז משמע פון דעם אז די שול איז גענצליך ליידיג פון מענטשן און דא רעדט רבי יוחנן עוסק פון א שול וואס האט נישט קיין מנין - וואס האט איינס מיט'ן צווייטן?

נאר עס קען זיין אז דא ליגט א באהלטענער דערהער. דער ווארט "איש" איז ראשי תיבות "יהודי שמייקר אמן" און דאס קומט מרמז זיין די נקודה, אז ווען עס איז דא אין א שול א איד וואס האלט טייער דער אמן שלעפט ער נאך אלע אנדערע אידן אז זיי זאלן קומען אין שול אריין און מקדים זיין צו זאגן אמן בחברותא, אבער אויב עס פעלט אזא איד, איז נישט דא ווער עס זאל אנפולן די שול.

עס קען זיין אז דאס איז דער דערהער וואס ליגט דא אין פסוק אז דער 'אי"ש' מיינט מען אזא סארט איד ווייל אויב עס וואלט ווען אין שול אזא איד וואלט זיכער געווען אין שול א מנין.

ביקרא דאורייתא
**שמעון ב. - אלעד**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: gmail.com@9139191

## אמן געט א איד א חלק אין עולם הבא




**"וילמד בניו הקטנים שיענו אמן כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא" (רמ"א או"ח קכד ו).**

דער מקובל רבי עמנואל חי ריקי דער בעל 'משנת חסידים' ברענגט אראפ א שיינע רמז אויף די ווערטער פון דער רמ"א אז א קטן איז זוכה לחיי העולם הבא, פון ווען ער ענטפערט אמן, ווייל די סופי התיבות פון די ווערטער: "בן עולם הבא" איז 'אמן' ('חושב מחשבות', מאמר רוח נבואה אות כו).



תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו,
הוא ימליץ טוב בעדנו אדוננו בר יוחאי

# א ליקוט פון מאמרי זוהר הק' אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן

## 'אמן' עפענט אויף די טויערן פון ברכה

דער זוה"ק אין פרשת וילך (רפה ב) רעדט ארום איבער די כח פון ענטפערן אמן מיט כוונה, אז ווען א איד היט אפ דעם אמן עפענט ער מיט דעם אויבן אין הימל די שערי ברכה און די שערי טובה און אז עס דערוועקט זיך דורכדעם א שמחה אין אלע עולמות.

פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער:

**וכד ישראל לתתא, משמרין לאתבא אמן, לכוונא לבייהו כמה דאצטריך** ווען אידישע קינדער אויף די וועלט היטן אפ דעם אמן און האבן אינזינען ווען זיי ענטפערן אמן, אזוי ווי מען דארף אינזינען האבן **כמה פתחין דברכאן פתיחן להו לעילא** וויפיל טויערן פון ברכה ווערט געעפענט למעלה **כמה טבאן משתכחין בכלהו עלמין** וויפיל גוט'ס טרעפט מען אין אלע וועלטן **כמה חדו בכולא** וויפיל שמחה איז דא איבעראל.

מיט די ווערטער פון דער זוה"ק געט דער הייליגער של"ה צו פארשטיין (מסכת תמיד אות פ) די מעלה פון אמן און שרייבט די פאלגענדע ווערטער: "בספרי המקובלים השואבים מבאר מים חיים של הזהר האריכו בסוד תיבת אמן ואותיותיו, וכתבו כי העליונים והתחתונים כולם תלויים במלת אמן, והוא עיקר ושורש ויסוד מוסד לכל העולמות כולן. ומי שמכוון לכל ברכה וברכה היוצאת מפי המברך ועונה אמן בכוונה כדינו, גורם למעלה קדושה הרבה מאוד, ומשפיע שפע רב טוב לכל העולמות, כי הוא פותח המקור העליון מקור מים חיים, כמו שפותח המעיין להשקות לכל הצריכים השקאה".

דער רמ"ז אין זיין פירוש אויף זוה"ק אויף די שטיקל שמועסט אויס אביסל פון די באהאלטענע כוונות וואס ליגט אין די זוה"ק און פארוואס זי איז אזא גרויסע מעלה. ער זאגט אז אמ"ן מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] איז בגימטריא צוויי הונדערט זיבן און ניינציג און אז די ווערטער: ברכה, טובה, גילה [=שמחה] איז אויך בגימטריא צוויי הונדערט זיבן און ניינציג.

פון דא איז א רמז צו די אויבענדערמאנטע ווערטער פון זוה"ק אז ווער עס ענטפערט אמן בכוונה עפענט אויף די שערי ברכה און איז משפיע טובה און שמחה פאר אלע עולמות.

## אין זכות פון ענייית אמן - ווערן די תפילות פון אידן נתקבל

נאך שרייבט דער הייליגער זוהר הק' (שם) אז אמן האט אזא כח אז זי עפענט אויף אלע שערי תפילה און אלע תפילות פון כלל ישראל ווערט נתקבל לרחמים ולרצון.

דאס איז זיין הייליגער לשון ווי עס ווערט ארויסגעברענגט די נקודה:

**בשעתא דעאקין להו לישראל** אין א צייט ווען די שונאי ישראל זענען מצער די אידישע קינדער און זענען גורם אז זיי זאלן זיין בדוחק **ומצלן צלותא קמי מאריהון** און כלל ישראל איז מתפלל פאר'ן באשעפער **קלא מכרזא בכולהו עלמין** גייט ארויס א קול אין אלע עולמות און רופט אויס , "**פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים**"(ישעיה כו ב), **אל תקרי אמונים** מלשון אמונה, **אלא אמנים** נאר מלשון אמן - אז מען ענטפערט אמן, ווייל בזכות אז מען ענטפערט אמן רופט מען אויס אין הימל: "**פתחו שערים**". און די הכרזה איז מידה כנגד מידה: **כמה דישראל פתחין להו תרעין דברכאן** אזוי ווי אידן עפענען די שערי הברכות אויבן דורך וואס זיי ענטפערן אמן **כך השתא** אזוי אויך רופט מען אויס אין הימל: "**פתחו שערים**" עפענט'ס אויף די שערי שמים פאר'ן כלל ישראל, **ותתקבל צלותהון מאינון דעאקין להו**" און עס זאל דורכדעם נתקבל ווערן זייערע תפילה, אז זיי זאלן ניצול ווערן פון די וואס דרוקן אויף זיי און ברענגען אויף זיי ענגשאפט.

אויפ'ן ארט געט דער רמ"ז צו פארשטיין אז וועגן דעם ווערן די שערי שמים געעפענט פאר ווער עס איז מקפיד צו ענטפערן אמן - ווייל די מיילער פון די אידן וואס ענטפערן אמן מיט כוונה ווערט געהייליגט און די הייליגע הבל גייט ארויף למעלה און שפאלט די הימל אוועקנעמענדיג אלע מקטרגים.

## די טויערן פון הימל עפענען זיך בזכות פון אמן

אויסער וואס ענטפערן אמן און די זכות וואס עס ברענגט מיט זיך איז געוואלדיג גרויס איז דער אמן אויך משלים די ברכה, עס איז גורם אז זי זאל ווערן נשלם.

ווי דער זוה"ק זאגט (עקב רעא א):

**כד סלקין אינון ברכאן מתתא** ווען עס גייט ארויף למעלה די אמן וואס איז גענטפערט געווארן פון די אונטערשטע וועלט צו די אויבערשטע וועלט **לית פתחא ופתחא לעילא** איז נישט דא קיין טיר אין די העכסטע וועלטן **ולית ממנא לעילא** און עס איז נישט דא קיין ממונה אין די הויכע וועלטן **דלא פתח כל אינון פתחין** וואס עפענט נישט אויף אירע טויערן **ומכרזי ואמרי בכל אינון רקיעין** און מען רופט אויס אין אלע הימלען: **דא איהו דורונא דמלכא דשדר פלוני** אט קומט צוגיין די מתנה וואס פלוני האט געשיקט פאר'ן קעניג **דא איהו דורונא בקיומא כדקא יאות** דאס איז א פאסיגע מתנה וואס ווערט געשיקט פאר'ן קעניג **ומאן איהו?** און וואס איז די פאסיגע מתנה וואס איז געשיקט געווארן כראוי? **ברכה דאתיבו עליה אמן** א ברכה וואס מען האט גענטפערט נאך איר אמן, **דכל ברכה דאתיבו עליה אמן** ווייל יעדע ברכה וואס מען האט גענטפערט נאך איר אמן **דא איהו בקיומא דקא יאות** איז א ברכה וואס איז ראוי אז זי זאל זיין.

פון די ווערטער וואס דער זוה"ק נוצט דא זעט מען אז דער אמן איז דאס וואס באשטעטיגט די ברכה. דעם געדאנק ווערט געברענגט אין נאך ערטער און עס איז פאסיג דא אראפצוברענגען די ווערטער פון דער רבינו בחיי (שמות יד לא) וועלכער גלייכט צו די ברכה צו אן עדות וואס ווערט געזאגט פון אן עד אחד און דער באשטעטיגונג פון דער אמן ווי די צווייטע עדות, אז בזכותו ווערט די עדות אן עדות.

ענליך צו דעם זאגט דער אבודרהם וואו ער רעדט ארום פון חזרת הש"ץ. ער זאגט אז די ברכה איז דומה צו א שטר וואס איז נאכנישט באשטעטיגט געווארן פון בית דין און א מענטש קען עס לייקענען און די אמן איז ווי דער שטר איז שוין באשטעטיגט געווארן - אז נאך דעם קען מען עס מער נישט לייקענען. אויך דער מהרש"ל ברענגט אראפ די זעלבע געדאנק נאר זאגט עס אביסל אנדערש: ער גלייכט צו די ברכה צו די גוף השטר און דער אמן צו די חתימת העדים וועלכע געט פאר דעם שטר זיין תוקף. ('עמודי שלמה' על הסמ"ג, עשה כז).

## 'אמן' צורייסט אלע שלעכטע גזירות

עס איז באקאנט די גמרא אין מסכת שבת (קיט ב) "אמר רבי יהושע בן לוי: 'כל העונה אמן, יהא שמיה רבא מברך בכל כחו - קורעין לו גזר דינו'". אבער אין 'שומר אמונים' (מאמר פתחו שערים א) שרייבט ער אז דער זוה"ק זאגט צו נישט נאר ווער עס ענטפערט 'אמן יהא שמיה רבה, נאר אויך ביי אן אמן ווערן צוריסן די שלעכטע גזר דין. דערביי ברענגט ער אראפ די לשון זוה"ק וואס ווערט געברענגט אין (תיקו"ז תיקון יט, מ א):

"**אז תקרא וה' יענה**" (ישעיה נח ט). **ומאי אז**? וואס איז די טייטש פון דער ווארט אז? **אלין תמניא אתוון דאינון יאהדונה"י** דאס זענען די אכט אותיות פון די צוויי הייליגע שמות הוי"ה ואדנות [ווייל "אז" באטרעפט אכט], **דסלקין לחושבן אמן** ווייל די שמות הק' זענען די זעלבע גימטריא ווי די צוויי שמות.

ודא איהו און דאס האבן חכמים געזאגט: **העונה אמן בכל כוחו** דהיינו **בההוא כח** מיט דעם כח פון די ייחד שמות הקודש וואס זענען באהאלטן אין דעם אמן, **ובגין דא אוקמוה מארי מתניתין** און וועגן דעם האבן די חכמי המשנה געזאגט: **העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה**

דער רבי האדמו"ר רבי מנחם מנדל פון ווישעווער זצ"ל האט געברענגט פאר דעם א רמז אויפ'ן פסוק (תהילים קטז ג-ד): "צרה ויגון **אמצא**; ובשם ה' אקרא אנא ה' מלטה נפשי". די ווערטער"אנה מלטה נפשי" איז די ראשי תיבות אמן - ווייל דורך דער אמ"ן ווערט מען ניצול פון אלע שלעכטס. ('שארית מנחם' תהילים שם).